איבערזעץ

# צווישן איילבערטן

## בין עצי הזית

יוסל בירשטיין

תרגום: עדי מהלאל

### הקדמה

הסיפור "צווישן איילבערטן" פורסם לראשונה בכתב העת הנושא את שמה של הקבוצה הספרותית הישראלית "יונג ישראל" ב-1954. המחבר, יוסל בירשטיין, נולד בפולין ב-1920, חי באוסטרליה בשנים 1937-1950, ונפטר בישראל ב-2003. כחבר תנועת השמאל הציונית "השומר הצעיר", ורגיש לביקורת היידישיסטית כלפי הציונות, הוא יצר בסיפור זה מיקרוקוסמוס של הסכסוך הלאומי, עם דגש ביקורתי כלפי מציאות המשטר הצבאי בו הייתה שרויה האוכלוסייה הפלסטינית באותן שנים בגבולות ישראל עת הסיפור נכתב לראשונה. בפרט רלוונטי להבנת הסיפור הוא התגובות הסוערות והזעזוע בעולם היהודי ובכלל בעקבות טבח קיביא באוקטובר 1953, כולל בעולם תרבות היידיש. התרגום להלן מבוסס על הגרסא שפורסמה בספר "אַ מאַנטל פֿון אַ פרינץ" מ-1969, מעט לאחר שישראל החלה במשטר צבאי שנמשך עד היום כלפי האוכלוסיה הפלסטינית בשטחים שנכבשו ב-1967. בסגנון מודרניסטי מרוכז ותמציתי, הקוראים מתלווים לדמותו של חסן אבו הזקן וחמורו בשעות עלות שחר אחד, והיתקלותו המתוחה והמאיימת עם חייל ישראלי. לפי גילו הזקן, את כל חייו הבוגרים העביר חסן אבו לצד הציונות מראשיתה, והמוטיבים של התפוזים ועצי הזית משמשים את בירשטיין לבטא באופן סובטילי ומטפורי את הסכסוך הלאומי הלא נגמר בישראל\פלסטין בנוגע לבעלות על האדמה ופירותיהֶ.[1]



גבול ישראל-סוריה, 1982, ארכיון דן הדני, האוסף הלאומי לתצלומים על שם משפחת פריצקר, הספרייה הלאומית

[1] עסקתי בסיפור זה בשני מאמרים שונים, באנגלית ב: Adi Mahalel, “Yiddish, Israel, and the Palestinians: Yosl Birshteyn’s ‘Between the Olive Trees’,” Israel Studies Review: An Interdisciplinary Journal, 30, no. 2 (Winter 2015): 71-91. וביידיש: עדי מהלאל, "'די מלחמה מיט די יהודים וואָס האָט זיך נאָך נישט פֿאַרענדיקט': אַ קוק אויף יאָסל בירשטיינס 'צווישן איילבערטן' און זײַן ברייטערן פּאָליטישן קאָנטעקסט", *אויפֿן שוועל* 356-357, עמ' 28-35, 2012.

## ייִד

חסן אַבו טנאָה האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון געלעגער און אויפֿגעוועקט זייַן אייזל פֿון שלאָף. ס'אייזל איז געשטאַנען בייַ דער שוועל פֿון דער כאַטע, מיטן קאָפּ אינעווייניק. עס איז נישט געווען צוגעבונדן און ס'האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט פֿאַרגליווערט געוואָרן אין מיטן פֿון אַריבערשפּאַנען די שוועל. בעת חסן אַבו האָט זיך דערנענטערט צו דער עפֿענונג האָט ס'אייזל פֿאַרריסן דעם האַלדז און געסאָפּעט מיט אַ פֿייַף. חסן אַבו האָט אַריוסגעקוקט אין דרויסן און זיך אייַנגעהערט צום גרימעניש אינעם ביוך פֿון אייזל, ווי אַ קליינער ווינט וואָלט דאָרט געפֿייַפֿט אין זייַנע געדערעם, דורכשפּאַרנדיק דורך מיול און דורך נאָזלעכער.

אין דרויסן איז נאָך געווען נאַכט, אָבער די שטערן האָבן זיך שיון אָנגעהויבן דערווייַטערן איינער פֿון אַנדערן און חסן אַבו האָט געשפּירט דאָס ליכט פֿון טאָג, וואָס וועט אין אַ שעה־אָנדערהאַלבן דורכזאַפּן די הימלען.

פֿון זייַן כאַטע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרגרוקן, האָט ער אַרומגענומען מיט זייַנע אַלטע אויגן דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער צוויי בערג, צעשניטן אין מיטן דורך אַ טונקעלער וואַדי. בייַ טאָג איז דאָס דאָרף הייס געווען מיט שטיין און מיט שטויב און מיט טריקעניש, אָבער אַצינד, אינעם ערבֿ־פֿרימאָרגן, איז עס געווען קיל און פֿאַרשוויגן, און פֿייַכט מיט טיו פֿון דער נאַכט, ווי נאָך אַ דראָבנעם רעגן. מער ווי פֿון די כאַטעס איז בולט געווען דאָס טונקלקייט פֿון געדיכטע קוסטעס, פֿון סאַברע־גדרים, פֿון וועלדלעך איילבערטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעצויגן ביז טיף אין דער וואַדי אַרייַן. קליינע ערדפֿלעקן, פֿאַרזייטע מיט ווייץ און מיט גערשטן, זענען געווען העלער ווי די נאַכט איוף די באַרגטרעפּ צווישן איין בוסטאַן און צווייטן. וווּ נאָר אַן אָרט ריין פֿון שטיינער, אַפֿילו צען־צוועלף שפּאַן די לענג, איז עס געווען באַדעקט מיט העל גרינע טאַבאַקבלעטער. היוך, איופֿן האָריזאָנט, אינעם העלערן ליכט פֿון נאַכטהימל, זענען געשטאַנען דרייַ באָקסערביימער

## עב

חסן אבו טָנוֹ קם ממשכבו והעיר את חמורו משינה. החמור עמד על מפתן הבקתה כשראשו בתוכה. הוא לא היה קשור, ונראה היה כאילו קפא באמצע חציית המפתן. כשחסן אבו התקרב לפתח, זקר החמור את צווארו והתנשף בשריקה. חסן אבו הביט החוצה והאזין לעוויתות בבטנו של החמור, כאילו רוח קטנה שורקת שם במעיו, מפלסת דרכה מבעד לפה ודרך הנחיריים.

בחוץ היה עוד לילה, אולם הכוכבים כבר החלו להתרחק זה מזה, וחסן אבו חש באור היום שימלא את השמיים כעבור שעה וחצי.

מבקתתו שעל גב ההר הוא ראה בעיניו הזקנות את כל הכפר סביב, שהתפרס על שני הרים ונחצה במרכזו על ידי ואדי חשוך. ביום היה הכפר לוהט מאבן, מאבק ומיובש, אולם כעת, לפני עלות השחר, היה קריר וחרישי, ולח מטל הלילה, כלאחר גשם דק. יותר מאשר מן הבקתות, האפלולית בלטה מן השיחים הסבוכים, מגדרות הצבר, ממטעי הזיתים אשר נמשכו מטה לעומק הוואדי. כתמי אדמה קטנים, זרועים חיטה ושעורה, נראו בהירים מהלילה על מדרגות ההר בין בוסתן אחד למשנהו. כל מקום נקי מאבנים, אף אם אורכו עשרה או שנים-עשר צעדים בלבד, היה מכוסה בעלי טבק ירוקים בהירים. למעלה, באופק, באורם הבהיר של שמי הליל, עמדו בצורת משולש שלושה עצי חרוב. זכרים – נזכר חסן אבו.

אין דער פֿאָרעם פֿון אַ דרייַעק. זכרים - האָט חסן אַבו געדענקט.

חסן אַבו האָט די כאַטעס, די ביימער, די שטיינער מער געשפּירט ווי געזען. דורך דעם שפּאַן פֿון זיבן־אַכט דורות, וואָס ער האָט געקאָנט אַ שפּרייַז טאָן אין זייַן זכרון, פֿון זייַנע עלטער־זיידעס, וואָס ער האָט געדענקט, ביז צו זייַנע אייגענע אוראייניקלעך - האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. דאָס דאָרף איז נישט גרעסער געוואָרן און די ביימער נישט עלטער. אַפֿילו די געציילטע כאַטעס וואָס זענען צעשעדיקט געוואָרן אין דער לעצטער מלחמה האָבן אַצינד, אין דער ערבֿ־טאָג־שעה, זיך אַרייַנגענומען אינעם רינג פֿון שלווה, וואָס האָט פֿאַרקרייַזט דאָס דאָרף, און זיי האָבן אויסגעזען גאַנץ און באַוויונט מיט מענטשן, ווי אַלע אַנדערע כאַטעס.

אַ שטיל שאָרכען האָט זיך געטראָגן פֿון שכנותדיקע הייַזקעס, וווּ מענטשן האָבן שיון געשפּייַזט זייערע שטוב־חיות, געזאַמלט זייער היוזגעזינד און געשפּאַנט די אייזלען, זיך געגרייט אין וועג אַרייַן צו דעם לאַנגן אַרבעטסטאָג איוף די זומערדיקע פֿעלדער.

דאָס דאָרף האָט זיך געוועקט פֿון שלאָף. הינט, הענער, אייזלען האָבן זיך שיון איבערגערופֿן. מענטשן - נאָך נישט. זיי האָבן זיך געפּאָרעט אָן לשון. חסן אַבו האָט געשפּירט, אַז דאָס דאָרף איז דאָ, דאָס דאָרף איז שטענדיק געווען און דאָס האָט אים געמאַכט גלייבן, אַז אַזוי ווי דאָס דאָרף, וועט איוך ער שטענדיק זייַן. אַ געפֿיל ווי אַ גוטער אָנזאָג איז איופֿגעגאַנגען אין אים. ווי אַ געשעעניש, איוף וועלכער ער האָט שיון לאַנג געוואַרט, וואָלט איצט פֿאָריוסגעשיקט אַ בשׂורה, אַז עס וועט הייַנט מקיום ווערן. ער האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס. זייַנע מחשבֿות האָבן זיך געזאַמלט זייער פּאַמעלעך, נישט צוליב דעם, וואָס ער איז נאָר וואָס איופֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, נאָר מחמת געוויונשאַפֿט און מחמת זיקנה.

דאָס איופֿשטיין אין אַזאַ פֿריִער שעה איז געווען בייַ אים אַ תּמידות. פֿון זינט ער האָט זיך געדענקט האָט דאָס ליכט פֿון טאָג קיין מאָל נישט געוואַרט איוף אים. אַ געדעכעניש איז

חסן אבו חש את הבקתות, את העצים ואת האבנים יותר משראה אותם. במשך שבעה-שמונה דורות שהוא יכול להריץ בזיכרונו – מאבות אבותיו שזכר ועד ניניו שלו – לא השתנה פה דבר. הכפר לא גדל והעצים לא הזדקנו. אפילו הבקתות הספורות שניזוקו במלחמה האחרונה נכנסו כעת, בטרם עלות השחר, לטבעת הַשַּׁלְוָה שהקיפה את הכפר ונראו שלמות ומאוכלסות באנשים ככל הבקתות האחרות. רחש שקט נישא מהבקתות השכנות, בהן כבר האכילו אנשים את חיות הבית, כינסו את בני ביתם ורתמו את החמורים, התכוננו לצאת ליום העבודה הארוך בשדות הקיציים.

הכפר התעורר משינה. כלבים, תרנגולים וחמורים כבר החלו לקרוא זה לזה, אך האנשים – עוד לא. הם התעסקו בענייניהם בלא אומר. חסן אבו חש שהכפר ישנו, שהכפר תמיד היה, וזה גרם לו להאמין שגם הוא, כמו הכפר, יהיה תמיד. תחושה כסימן טוב לבאות עלתה בו, כאילו מאורע שחיכה לו זמן רב שלח אליו בשורה שהיום הוא יתקיים. הוא עוד לא ידע מה. מחשבותיו התאספו לאט מאוד, לא מפני שזה עתה התעורר משינה, אלא מחמת הרגל ומחמת זקנה.

הקימה בשעה כה מוקדמת היתה אצלו הרגל קבוע. מאז שהוא זוכר את עצמו, אור היום מעולם לא הקדים אותו. זיכרון נותר בו, והוא זכר את עצמו קטנטן, בן שלוש-ארבע שנים,

פֿאַרבליבן אין זײַן זכּרון און ער האָט זיך געדענקט אַ קלײנינקער פֿון אַ דרײַ־פֿיר יאָר, אַרײַנגעקוועטשט אין אַ קעסטל איופֿן רוקן פֿון אַן אײזל, וואָס האָט געשפּאַנט אין אָט די פֿריִע שעהען, צוזאַמען מיט נאָך אײזלען, פֿערד און קעמלען־משפּחה - צו דער אַרבעט איוף די פֿעלדער. דאָס האָט זיך אָנגעהיובן מיט אַ נײַנציק יאָר צוריק און אפֿשר מער.

חסן אַבו האָט געוווּסט, אַז איוב ער קאָן דאָס דאָרף, די וועלדלעך, די שטײנער, די שטעגלעך, וואָס ציִען זיך פֿון די באַרגרוקנס אַראָפּ צו דער וואַדי, די באַהאַלטענע דורכגענג צווישן די סאַברע־גדרים, איוב די הימלען און די שטערן אין די דאָזיקע שעהען זענען היימיש צו זײַן איוג, - און נאָך פֿריִער פֿאַר זיי שפּירט ער דעם אָנקום פֿון טאָגליכט, - איז עס פֿון יענע צײַטן, ווען ער איז געזעסן אינעם קעסטל איופֿן רוקן פֿון אײזל, ער און נאָך אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל, און בליוז די איוגן און די איוערן האָבן אַריוסגעשטאַרצט אינעם טונקעלן דריוסן אַריוס.

"ס'פֿאַרנעמט זיך איוף אַ שטאַרקער הײץ" האָט חסן אַבו געזאָגט צום אײזל און אַריופֿגעלײגט אַ האַנט איוף זײַן רוקן. ס'אײזל האָט געהאַט לאַנגע גוטע איוערן, און חסן אַבו פֿלעגט רעדן צו זיך דורכן אײזל מחמת געוויונשאַפֿט און מחמת קרובֿהשאַפֿט. ווײַל טאָג־אײַן, טאָג־איוס זענען זיי געווען צוזאַמען און אַפֿילו אין הונדערט יאָר אַרום וואָלט חסן אַבו דאָס אײזל דערקענט. ער האָט געדענקט די צורה און די מידות פֿון אַלע אַנדערע אײזלען, וואָס ער האָט אין זײַן לעבן פֿאַרמאָגט. בײַ אַ געלעגנהייט פֿלעגט ער זיי דערמאָנען. אָבער דאָס זענען געווען פֿאַרטיקע רייד, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פֿון זײַן לאַנג לעבן. ער האָט זיי אַ סך מאָל איבערגעחזרט און זיי האָבן זיך אַריוסגערעדט ווי פֿון זיך אַליין, אָן איבעריקער מי און אָנשטרענגונג איוף צו דערמאָנען זיך. קוקנדיק אַצינד איופֿן אײזל האָט ער דערשפּירט צו אים אַ שטאַרקע נאָענטקייט און איוסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז אַלע אײזלען וואָס ער האָט אַ מאָל פֿאַרמאָגט זענען געוואָרן איין אײזל - אָט דאָס לעצטע אײזל זײַנס.

דחוק בתוך ארגז קטן על גבו של חמור, שצעד עם עוד חמורים, סוסים ומשפחת גמלים לעבודה בשדות, בשעות מוקדמות כאלה ממש. זה התחיל לפני תשעים שנה לערך ואולי אף יותר.

חסן אבו ידע שאם הוא מכיר את הכפר, את החורשות, את האבנים, את השבילים הקטנים היורדים במדרונות ההרים אל הוואדי, את המעברים החבויים בין גדרות הצבר. אם השמים והכוכבים בשעות הללו מוכרים היטב לעינו – ועוד קודם להם הוא חש בביאת אור היום – הרי זה מהזמנים ההם, כאשר ישב בארגז הקטן על גב החמור, הוא ועוד אח קטן או אחות קטנה, ורק העיניים והאוזניים הזדקרו אל החשכה שבחוץ.

"עומד לבוא שרב כבד", אמר חסן אבו לחמורו והניח יד על גבו. לחמור היו אוזניים ארוכות וטובות, וחסן אבו נהג לדבר לעצמו דרך החמור מחמת הרגל ומחמת קרבה. מידי יום ביומו הם היו ביחד, ואפילו בעוד מאה שנה היה חסן אבו מזהה את החמור הזה. הוא זכר את צורתם ומידותיהם של כל שאר החמורים שהיו לו בשנות חייו. הוא נהג להזכיר אותם לעיתים. אולם אלו היו דברים מן המוכן, שנצטברו במשך חייו הארוכים. הוא חזר עליהם פעמים רבות והם נהגו כאילו מעצמם, בלא מאמץ ובלא טורח להיזכר בהם. בהביטו כעת על חמורו הוא חש קרבה חזקה אליו, ונדמה היה לו שכל החמורים שהיו לו אי פעם היו לחמור אחד, החמור הזה, האחרון שלו.

היה זה חמור זקן, אפור ושחוק. באזור בטנו האפרוריות התבהרה, אך על עורפו הייתה

ס'איז געווען אַן אַלט אייזל, גריו און אָפּגעריבן. צום ביוך צו איז די גריוקייט געוואָרן העלער, נאָר איופֿן קאַרק איז די פֿעל געווען טונקל און ערטערווייַז אַפֿילו בליו. לענג־איוס דעם רוקנביין איז די פֿעל געווען אָפּגעריבן, אַפֿילו שוואַרץ, ממש לעדער, סימנים פֿון פֿאַרהיילטע וווּנדן. דאָס אייזל איז נישט געווען קיין מפֿונק און געגעסן אַלץ וואָס האָט זיך געפֿונען איופֿן וועג – קאָרע פֿון ביימער, שטעכיקע דערנער, פֿאַרטריקנטע ביינער און אַפֿילו פֿאַרוואַלגערט פּאַפּיר. אָבער ליב געהאַט האָט דאָס אייזל ווייַנטריובן. אַז חסן אַבו פֿלעגט פֿאַרבייַגיין אַ ווייַנשטאָק, פֿלעגט ער אָפּרייַסן אַ שטענגל ווייַנטריובן און אים געבן טריוב נאָך טריוב. דעמאָלט פֿלעגט דאָס אייזל אים נאָכגיין מיטן שפּיץ צונג צווישן די ציין און מיטן קאָפּ טאָרען חסן אַבון אין אַקסל אַרייַן, ער זאָל געבן נאָך. חסן אַבו פֿלעגט אָנקווועלן, ס'איז אים געפֿעלן געוואָרן דעם אייזלס תּשוקה נאָך ווייַנטריובן, אָבער ער אַליין האָט איוך ליב געהאַט אַרייַנצוּוואַרפֿן אין זייַן אייגן מיול אַרייַן טריוב נאָך טריוב.

די וואַרעמקייט פֿון דעם אייזלס פֿעל האָט זיך איבערגעטראָגן אין חסן אַבוס פֿינגער און ער האָט מיט אַ מאָל געדענקט און געוווּסט דאָס, וואָס ער האָט זיך געמיט צו דערמאָנען זינט ער איז איופֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. ער האָט דערשפּירט אין זיך דאָס קלאַפּן פֿון אַ באַהאַלטענעם דופּק און אַ גוטער ציטער איז אַדורכגעלאָפֿן דורך זייַן רוקנביין. אַ ווייַלע איז ער נאָך געשטאַנען און געקוקט איופֿן אייזל, וואָס האָט געשאָקלט מיט דער אונטערשטער, ליוזער ליפּ. דעם אייזלס מאַנדלאיוגן זענען געווען פֿאַרטרערט. די טרערן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זייַן האָריק פּנים. ס'אייזל איז געווען הונגעריק און עס האָט געסאָפּעט שנעל. עס האָט געשלונגען די לופֿט דורכן מיול אין גאָרגל אַרייַן. חסן אַבו האָט עס געגלעט. ס'אייזל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ ביס געטאָן חסן אַבו אין אָרעם. חסן אַבו האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. מיט זייַנע אַלטע, ביינערדיקע פֿינגער האָט ער פֿאַרכאַפּט די גאַנצע ברייט פֿון קינבאַק ביזן איוג:
"דו, חמור!" האָט ער זיך געבייזערט און געווישט די האַנט אין זייַנע היוזנטיכער, אָפּצוּרייַבן דאָס שטעכעניש אין די פֿינגער, וואָס דער פּאַטש האָט גורם געווען.

פרוותו כהה ופה ושם אפילו כחולה. לאורך עמוד השדרה הייתה פרוותו משופשפת ואפילו שחורה, העור היה חשוף ממש מסימני פצעים שהגלידו. החמור הזה לא היה מפונק ואכל כל מה שנמצא בדרך. קליפות עצים, קוצים דוקרניים, עצמות יבשות, ואפילו נייר שנקרה בדרכו. אבל ביחוד אהב החמור הזה ענבים. כאשר היה חסן אבו חולף ליד גפן, נהג לתלוש אשכול ענבים ולתת לו ענב אחר ענב. אז היה החמור הולך אחריו וקצה לשונו בין שיניו ובראשו דוחף את חסן אבו בכתפו, שייתן עוד. חסן אבו היה מתמוגג מזה. מצאה חן בעיניו תשוקת חמורו לענבים, אך גם הוא עצמו אהב להשליך לפיו שלו ענב אחר ענב.

החום מפרוותו של החמור עבר לאצבעותיו של חסן אבו, והוא נזכר לפתע וידע את הדבר שהתאמץ לזכור מאז שקם משנתו. הוא חש בתוכו הלמות של דופק סמוי, ורעד נעים חלף בעמוד השדרה שלו. זמן מה הוא עוד עמד והביט על החמור, שהניע את שפתו התחתונה, הרפויה. עיני השקד של החמור דמעו. הדמעות זלגו מטה על פניו השעירות. החמור היה רעב והתנשם במהירות. הוא בלע את האויר דרך פיו אל תוך גרונו. חסן אבו ליטף אותו. החמור סובב את ראשו ונשך את חסן אבו בזרועו. חסן אבו הנחית לו סטירה. באצבעותיו הזקנות והגרמות הוא אחז את כל הלסת שלו, עד העיניים:

"אתה, חתיכת חמור!" הוא גער בו וקינח את ידו במכנסיו, כדי למחות את הדקירה המכאיבה שגרמה המכה באצבעותיו.

החמור היה רעב. הוא היה צריך לדעת שחסן אבו לא יתן לו עכשיו לאכול. השטן לא ייקח

ס'אײזל איז געװען הונגעריק. ס'האָט געדאָרפֿט װיסן, אַז חסן אַבו װעט אים אַצינד נישט געבן צו עסן. דער טײַװל װעט אים נישט נעמען, אַלײן צו זאָרגן זיך פֿאַר זײַן מאָגן. ס'האָבן נישט געפֿעלט קײן דערנער און קוסטעבלעטער. גענוג אַז יעדן טאָג פֿלעגט ער אים לאָזן שטײן בײַם ראַנד פֿון אַ פֿעלד, ער זאָל זיך אָנעסן מיט זאַנגען, בעת ער, חסן אַבו, האָט געדרעמלט אין אַ שאָטן פֿון אַ ביום.

חסן אַבו האָט אָנגענומען דעם אײזל בײַ דער ליװזער ליפּ און געדריקט װי אַ שװואָם:

"דו, אַ רוח אין דיר," האָט ער אים געזידלט.

חסן אַבו אַלײן איז איוך געװען הונגעריק. איוף דער עלטער איז ער געװען איוסגעשטעלט איוף זיך אַלײן צו באַזאָרגן זיך מיט ברױט און ער האָט קײן מאָל נישט געװוּסט אַ טאָג פֿריִער, צי ער װעט מאָרגן זײַן זאַט.

ער האָט פּלוצלינג אָפּגעלאָזט ס'אײזל און אַרײַן אין דער כאַטע. ער איז געבליבן שטײן לעבן אַ קעסטל פּאָמעראַנצן, זיך אײַנגעביוגן, אָפּגעדעקט דעם זאַק פֿון קאַסטן און גענומען אַ פּאָמעראַנץ אין דער האַנט אַרײַן. אַ גאַנצע װאָך האָט ער געקליבן די פּאָמעראַנצן. יעדן טאָג, איוף֯ן װעג צװישן שטאָט און דאָרף, האָט ער זיך אַרײַנגעגנבעט אין די פּרדסים, אָפּגעריסן אַ צענדליק און זײ פֿאַרשטעקט אין די באַהאַלטענע רחבֿותן פֿון זײַנע היוזן. הײַנט װעט ער פֿאַרקיופֿן דעם קאַסטן פּאָמעראַנצן און דערפֿילן זײַן רצון: ער װעט שלאָפֿן מיט אַ װײַב. חסן אַבו האָט געקאָלערט דעם פּאָמעראַנץ צװישן די פֿינגער. ער האָט געהאַט אַן אײגענעם אופֿן פֿון שמײכלען. זײַנע איוגן האָבן געטיושט די קאָליר.

שיון אַ סך יאָרן װי חסן אַבו האָט געלעבט אָן װײַבער. זינט דאָס לעצטע װײַב זײַנס איז געשטאָרבן איז שיון אַװעק אַ צײַט, און שיון לאַנג װי ער האָט די דאָזיקע זאַכן נישט אין זינען געהאַט. און אַז די טעג האָבן זיך געמערט האָט ער אין גאַנצן אין דעם פֿאַרגעסן. ס'האָט זיך איוסגעטריקנט אין אים, װי אַ נחל אין די הײסע זומערטעג, און חסן אַבו האָט

אותו אם ידאג למלא את בטנו בעצמו. לא חסרים קוצים ועלי שיח. מספיק שהוא נתן לו בכל יום לעמוד ולרעות בשולי השדה, להשביע את רעבונו בשיבולים, בעת שהוא, חסן אבו, נימנם בצילו של עץ.

חסן אבו אחז בחמור בשפתו הרפויה ולחץ עליה כאילו היתה ספוג: "אתה, לך לעזאזל", קילל אותו.

גם חסן אבו היה רעב. בזקנתו היה עליו לדאוג לעצמו למזון, ומעולם לא ידע אם ישׂבע ביום הבא. פתאום הניח לחמור ונכנס לבקתתו. הוא נעמד ליד ארגז תפוזים, התכופף, הסיר את השק מן הארגז ונטל לידו תפוז. שבוע שלם אסף את התפוזים. בכל יום, בדרכו מהעיר לכפר, הוא התגנב לתוך הפרדסים, קטף עשרה תפוזים והטמין אותם במכנסיו הרחבים. היום הוא ימכור את ארגז התפוזים ויגשים את משאלתו: הוא ישכב עם אישה. חסן אבו גלגל את התפוז בין אצבעותיו. היה לו אופן חיוך משל עצמו: צבע עיניו השתנה.

כבר שנים רבות חי חסן אבו בלי נשים. מאז שאשתו האחרונה מתה כבר חלף זמן רב, וכבר זמן רב לא חשב על דברים כאלה. ברבות הימים הוא שכח מזה לגמרי. זה יבש בתוכו כמו נחל בימי הקיץ החמים, וחסן אבו לא התחרט על כך. הוא הודה לנביא על כך ששחרר אותו מייסורי הלב ומהדאגות שגורמים הדברים הללו, ושעכשיו, בזקנתו המופלגת, הוא יכול לנמנם לו בשלווה בצל בשולי הדרך, להבחין בחצי עין בעובר אורח, להאזין לצלצול הפעמונים של גמלים מתקרבים, לעקוב לאט בעינו אחר הכיוון שאליו הם נעלמים, להעריך את גילם לפי מראם,

אויף דעם נישט חרטה געהאַט. ער האָט געדאַנקט דעם נבֿיא פֿאַר באַפֿרייַען אים פֿון די האַרץ־פּלאָגענישן און זאָרגן, וואָס אַזעלכע זאַכן זענען גורם, און אַצינד, אין די טיף אַלטע טעג זייַנע, האָט ער געקאָנט רויִק דרעמלען אין אַ שאָטן אויפֿן ראַנד פֿון אַ וועג, אויפֿכאַפּן מיט אַ האַלב אויג פֿאַרבייַגייער, זיך צוהערן צום גלעקל־געקלאַנג פֿון אָנקומענדיקע קעמלען, נאָכפֿירן פּאַמעלעך דאָס אויג אין דער ריכטונג וווּ זיי ווערן פֿאַרשווונדן, שאַצן די יאָרן ליוט זייער איוסזען, מעסטן זייער ווערט אין געלט און לאָזן זייַנע מחשבֿות מיטן ווינט, וואָס האָט זיך געיאָגט איבערן תּבֿואה־פּעלד. גאָרנישט טראַכטן. חסן אַבו האָט געוווּסט די חכמה פֿון נישט טראַכטן און אויף דער עלטער איז עס אים צו נוץ געקומען. גאָרנישט טראַכטן, נאָר דרעמלען אַן אָנגעשפּאַרטער אויפֿן עלנבויגן אָדער זיצן אויף די פֿיס אין אַ שאָטנדיק ווינקל, אייַנגעפֿאַלדט אין דרייַען, פֿיס, פּאַכוועס, גוף, און לאָזן לאַנגע שעהען פֿאַרבייַגיין מיט איין פּינטל פֿון איוג.

אָבער זינט די מחשבֿה האָט זיך אין אים צוריק איופֿגעוועקט איז ער געוואָרן אומרויִק און ער האָט זיך נישט געקאָנט געפֿינען קיין אָרט. ער איז געבליבן אין דאָרף, זיך געפּלאָנטערט אין די געסלעך און ווי תּמיד - געזוכט אַ שאָטן, צו פֿאַרשטעקן דעם קאָפּ פֿון דער ברענענדיקער זון. און אַז ער פֿלעגט געפֿינען אַ שאָטן אין אַ ווינקל, פֿאַרטרייַבן פֿון דאָרט דאָס אייזל, דעם הונט אָדער אַן אַנדערע היוז־חיה, און זיך אַליין אַוועקזעצן און פֿאַרוויקלען אַ פּאַפּיראָס, פֿלעגט ער גלייַך דערשפּירן, אַז די מחשבֿה איז דאָ אין אים.

"מען טרייַבט חוזק פֿון אַלטן חסן" האָט ער גערעדט צו זיך "מען חוזקט." אַראָפּקוקנדיק איוף דער ערד, האָט ער באַמערקט ווי דער שאָטן פֿון דער חיה, וואָס ער האָט נאָר וואָס פֿאַרטריבן, רוקט זיך שיון ווידער נענטער צו אים, צום שאָטן אין ווינקל. האָט ער געוואַרט ביז דער שאָטן איז געבליבן ליגן בייַ זייַנע קני און, נישט איופֿהייבנדיק אַפֿילו די איוגן, אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער האַנט און אַראָפּגעלאָזט אַ פֿליאַסק:

"שדים, טראָגט אייַך. לאָזט צו רו."

לאמוד את ערכם בכסף ולתת למחשבותיו לדאות עם הרוח המנשבת על פני שדה התבואה. לא לחשוב בכלל. חסן אבו ידע את החוכמה שבאי-חשיבה, ובזקנתו היא היתה לו שימושית. לא לחשוב דבר, רק לנמנם שעון על המרפק, או לשבת בכריעה בפינה מוצלת, מקופל לשלוש – רגליים, בתי שחי, גוף – ולתת לשעות ארוכות לחלוף כהרף עין.

אולם מאז שבה ונעורה בו המחשבה, הוא נעשה חסר מנוחה ולא מצא לו מקום. הוא נשאר בכפר, תעה בסמטאותיו וכמו תמיד – חיפש צל שיגן על ראשו מפני השמש הלוהטת. וכשהיה מוצא צל באיזו פינה, מגרש משם את החמור, הכלב או כל חיית-בית אחרת ומהתיישב שם בעצמו לגלגל סיגריה, היה חש מיד שהמחשבה כאן, בתוכו.

"לועגים לחסן הזקן," הוא דיבר לעצמו, "לועגים." בהביטו מטה אל האדמה, הוא שם לב כיצד צילה של החיה שזה עתה גירש כבר שב ומתקרב אליו, לפינה המוצלת. הוא חיכה אפוא עד שהצל התקרב ונח ליד ברכיו, ואף מבלי להרים את עיניו, הניף את ידו והנחית חבטה:

"שדים, עופו מפה. עזבו אותי במנוחה."

אבל החיה לא עזבה אותו במנוחה. הכלב, או החמור, שבו לפינה ותחבו את ראשם לצל בו ישב אבו חסן המנומנם ועישן סיגריה, ובין שאיפה אחת לאחרת חלף לו היום. אבל המחשבה התחזקה בחסן אבו. אפילו בשעה שישב בחברותא עם אנשי כפר אחרים, ותוך כדי שתיית קפה האזין לשיחות האיטיות בענייני הכפר – על צו חדש של איזה מלך, על

אָבער די חיה האָט נישט צו רו געלאָזט. דער הונט, אָדער דאָס אייזל, האָט זיך צוריקגעקערט צום ווינקל און אַרייַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין שאָטן, ווו חסן אַבו איז געזעסן און גערייכערט פֿאַרדרעמלט אַ פּאַפּיראָס, און צווישן איין צי און צווייטן איז דער טאָג פֿאַרגאַנגען. אָבער די מחשבֿה האָט זיך געשטאַרקט אין חסן אַבו. אַפֿילו בעת ער איז געזעסן בחבֿרותא מיט אַנדערע דאָרפֿסלייַט און טרינקענדיק קאַווע זיך אייַנגעהערט צו די לאַנגזאַמע שמועסן וועגן דאָרף־ענינים, וועגן אַ נייַ געבאָט פֿון אַ מלך, וועגן דער מלחמה, וואָס האָט זיך נאָך נישט פֿאַרענדיקט, פֿלעגט ער דערשפּירן, אַז ער הערט זיך כלל נישט אייַן צו די רייד.

"אַללאַ," האָט ער גערופֿן דעם נבֿיא און געבעטן מען זאָל אָפּטאָן פֿון אים דאָס אומגליק. אָבער אַ ווינקל פֿון זייַן מוח איז געווען וואַך. אפֿשר מיינט מען עס ערנסט. מען האָט עס געמיינט ערנסט און חסן אַבו האָט נאָכגעגעבן. אין געדאַנק איז ער נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַרום דער מחשבֿה ווי אַרום אַ מסוכּנדיק אָרט, אָבער זייַן דמיון האָט איופֿגעוואַכט. ער האָט דערשפּירט אַ נייַעם כּוח און ער האָט זיך מער נישט געשראָקן.

דאָס וועגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שאַרפֿן שיפּוע צו דער טונקעלער וואַדי. דאָס אייזל, איוף וועלכן חסן אַבו האָט געריטן, איז געגאַנגען פֿאָרזיכטיק, איוסמייַדנדיק מיט פֿאַרדאַכט יעדן טונקעלן שטיין איופֿן וועג. פֿון מאָל צו מאָל האָט דאָס אייזל איוסגעדרייט דעם קאָפּ, אַרייַנגעביסן די ציין אין אַ ביום און גייענדיק געגריזשעט די קאָרע. סאַברעס און נידעריקע ווענט פֿון אָנגעלייגטע שטיינער האָבן באַגלייט דאָס שטעגל ביז צו די איילבערטן אין דער וואַדי און דאָ האָט דאָס שמאָלע, איוסגעטראָטענע שטעגל, וואָס איז נישט ברייטער געוואָרן זינט די טעג פֿון חסן אַבוס עלטער־זיידעס, זיך אַ שטרעק געטאָן העל איבער דער נאַכטיק טונקל גרינער ערד.

חסן אַבו האָט זיך געפֿילט גוט און זייַנע לאַנגע פֿיס האָבן זיך געבאָמבלט צום ריטעם פֿון אייזלס גאַנג. ער האָט זיך

המלחמה שעוד לא הסתיימה - הוא חש שאינו מקשיב לדיבורים כלל.

"אללה," הוא קרא לנביא וביקש שתוסר מעליו הצרה הזאת. ואולם פינה במוחו עמדה על המשמר, שמא מתכוונים לכך ברצינות. מתכוונים לכך ברצינות וחסן אבו ויתר. בראשו הוא עוד התהלך סביב המחשבה כסביב מקום מסוכן, אולם דמיונו התעורר. הוא חש בכוח חדש והוא לא פחד עוד.

השביל ירד בשיפוע חד לוואדי החשוך. החמור שעליו חסן אבו רכב הלך בזהירות, נמנע בחשדנות מכל אבן כהה בדרך. מפעם לפעם הסב החמור את ראשו, נעץ שיניו בעץ, ותוך כדי הליכה כרסם את קליפת הגזע. שיחי צבר וקירות נמוכים של גלי אבנים ליוו את השביל עד עצי הזית בוואדי, ושם השביל הצר, שלא התרחב מאז ימי אבות אבותיו של חסן אבו ושאינספור רגליים כבר דרכו בו, נמתח פתאום בבהירות על פני האדמה הלילית הירוקה-כהה.

חסן אבו הרגיש טוב ורגליו הארוכות היטלטלו לקצב הליכת החמור. הוא הפקיר את עצמו לַשעה החשוכה, בָּטַח בדרך ובאבנים ובעצי הזית העתיקים. הוא לא היה לבדו. כל הדורות שהכיר וזכר הביטו בו. הוא הרים שתי אצבעות והעביר אותן על פני הקצה הארוך והלח של שפמו, וצבע עיניו השתנה.

חסן אבו ראה אדם בדרך וזכר שכבר מספר שבועות חיילים חונים בחורשה ומתאמנים בלוחמה. החייל עמד מעט גבוה יותר. מאחוריו לא היו עצים, רק אור השמים הבהיר. חסן אבו ראה שהחייל הביט בו לאט, וחיכה שיתקרב.

אָנגעטריוט צו דער טונקעלער שעה, אָנגעטריוט דעם וועג און די שטיינער און די אַלטע אייבערטן. ער איז נישט געווען אַליין. אַלע דורות, וואָס ער האָט געקאָנט און געדענקט, האָבן געקוקט איוף אים. האָט ער איופֿגעהיובן צוויי פֿינגער און זיי אַ פֿיר געטאָן איבערן לאַנגן, פֿייַכטן עק פֿון זייַן וואָנצע און זייַנע איוגן האָבן געטיושט דעם קאָליר.

חסן אַבו האָט געזען אַ מענטש איופֿן וועג און ער האָט געדענקט, אַז שיון עטלעכע וואָכן ווי זעלנער האָבן געלאַגערט אין וועלדל און זיך געלערנט פֿירן מלחמה. דער זעלנער איז געשטאַנען אַ ביסל העכער, הינטער אים זענען קייןביימער נישט געווען, בליוז דאָס העלערע ליכט פֿון הימל. חסן אַבו האָט געזען ווי דער זעלנער האָט געקוקט איוף אים לאַנגזאַם און געוואַרט, ער זאָל זיך דערנענטערן. חסן אַבו האָט געטאָן דאָס זעלבע. ווען ער איז שיון געווען נאָענט לעבן זעלנער, נאָר אין דער רגע האָט דער זעלנער איופֿגעהיובן אַ האַנט און פֿאַרשטעלט דעם וועג. חסן אַבו האָט געציוגן די לייצע און דאָס אייזל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער זעלנער האָט אַראָפּגעלאָזט זייַן האַנט איופֿן רוקן פֿון אייזל און אַרייַנגעקוקט חסן אַבו אין פּנים אַרייַן. חסן אַבון האָט זיך איוסגעדאַכט, אַז דער זעלנער שמייכלט. ער האָט געוואַרט, אַז דער זעלנער זאָל עפּעס זאָגן, נאָר דער זעלנער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געקוקט חסן אַבון אין פּנים אַרייַן און מיט אַ האַנט אַראָפּגעשאַרט דעם זאַק, וואָס האָט פֿאַרדעקט דעם קאַסטן מיט פּאָמעראַנצן. ער האָט מיט דער האַנט געגלעט די פּאָמעראַנצן און געקוקט חסן אַבו אין פּנים אַרייַן. ער האָט אַריוסגענומען אַ פּאָמעראַנץ, אים געקאָלערט צווישן די פֿינגער און אָנגעשפּאַרט דעם עלנביוגן אין קאַסטן. דער קאַסטן האָט זיך אַ וויג געטאָן און אותו־רגע איז איוף דעם זעלנערס פּנים איוף אַ רגע פֿאַרשאָטנט געוואָרן. חסן אַבו האָט צוניופֿגעציוגן זייַנע אַקסלען און געזעסן שטייַף. איופֿן זעלנערס פּנים האָט ער געזען, אַז עפּעס וועט באַלד געשען, נאָר ער האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס. ער האָט געוואָלט אַ קיצל טאָן דעם אייזל אין ביוך אַרייַן, ער זאָל גיין, נאָר ער האָט עס נישט געטאָן. דער זעלנער האָט אַוועקגעלייגט דעם פּאָמעראַנץ צוריק איופֿן זעלבן אָרט און נאָך אַ מאָל אַרייַנגעקוקט חסן אַבו אין פּנים אַרייַן. ס'איז געווען אַ

וכך עשה חסן אבו. כאשר כבר היה קרוב לחייל, הוא דגדג קלות ברגלו את החמור, שילך מהר יותר, אלא שבאותו הרגע הרים החייל יד וחסם את הדרך. חסן אבו משך את המושכות והחמור נעצר. החייל הניח את ידו על גב החמור והביט לתוך פניו של חסן אבו. נדמה היה לחסן אבו שהחייל מחייך. הוא חיכה שהחייל יאמר משהו, אך החייל לא אמר דבר. הוא הביט בפניו של חסן אבו, וביד אחת גרף את השק, שכיסה את הארגז עם התפוזים. הוא ליטף את התפוזים בידו והביט בפניו של חסן אבו. הוא הוציא תפוז, גלגל אותו בין אצבעותיו והשעין את מרפקו על הארגז. הארגז התנדנד קלות ובאותו הרגע התקדרו לרגע גם פני החייל. חסן אבו כינס את כתפיו וישב נוקשה. בפניו של החייל הוא ראה שתיכף משהו יקרה, אלא שהוא עוד לא ידע מה. הוא רצה לתת דגדוג לחמור בבטנו, שילך, אך הוא לא עשה זאת. החייל הניח את התפוז חזרה במקומו, ושוב הביט בפניו של חסן אבו. הן היו פנים רגילות של אדם זקן, עם לחיים נפולות, ועליהן מעטה דליל של אפרוריות שעירה.

חסן אבו רצה לומר משהו, אלא שהוא רק פתח את פיו. הארגז החליק פתאום, והחייל קפץ הצִדה, כדי שהתפוזים מהארגז לא ייפלו עליו. חסן אבו התרומם, שאף הרבה אויר, וצלל מטה בעקבות הארגז, כדי לתפוס את התפוזים שהתפזרו על פני האדמה. בתחילה שכב חסן אבו שרוע, ואחר כך אסף באיטיות את רגליו ואת ידיו, התרומם ונעמד על ארבע. הוא הפנה את פניו והביט מעלה לעבר החייל עם הרובה. הוא הרים יד כדי לחמוק ממכה. אחר כך ראשו נדחק עמוק יותר אל בין כתפיו, ובעודו מעוקם

געוויינלעך פּנים פֿון אַן אַלטן מאַן, מיט אײַנגעפֿאַלענע באַקן, באַבערשטלט מיט אַ האָריקער גריוקייט.

חסן אַבו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט בלויז געעפֿנט דאָס מיול. דער קאַסטן האָט זיך אַ גליטש געטאָן און דער זעלנער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט, כּדי די פּאָמעראַנצן פֿון קאַסטן זאָלן נישט פֿאַלן אויף אים. חסן אַבו האָט זיך אַ הייב געטאָן, אָנגענומען אַ סך לופֿט און אַראָפּגעפֿליוגן נאָכן קאַסטן, צו פֿאַרכאַפּן די פּאָמעראַנצן, וואָס האָבן זיך צעשאָטן איבער דער ערד. צו ערשט איז חסן אַבו געבליבן ליגן אויסגעצויגן, נאָך דעם האָט ער פּאַמעלעך צוזאַמענגענומען די פֿיס און די הענט, זיך אונטערגעהויבן און געבליבן אויף אַלע פֿיר. ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים און אַרויפֿגעקוקט צום זעלנער מיט דער ביקס. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט צו פֿאַרמײַדן אַ קלאַפּ. נאָך דעם האָט זײַן קאָפּ זיך אַרײַנגעקוועטשט טיפֿער אין די אַקסלען און אין גאַנצן אַ פֿאַרקרימטער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן קוויטש. ס'איז געווען אַ געשריי אָן חרפּה. חסן אַבו האָט אין דעם קוויטש אַרויסגעיאָמערט אַלץ, וואָס איז אין אים געווען, און ס'איז מער גאָרנישט אין אים געבליבן. פֿון דעם קרומען געשריי האָט אויך דער זעלנער זיך אַ ווײַלע צעטומלט, ווי דאָס אומהיימלעכע קול אין דעם גריוען באַגינען וואָלט אויפֿגעוועקט אין אים אַ דערמאָנונג - ווען האָט ער געהערט אַזאַ קול? ווען איז עס שיון איין מאָל געשען? ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף חסן אַבו, וואָס האָט נאָכן געשריי ווידער אַ פֿאַל געטאָן צו דער ערד און געבליבן ליגן אײַנגעקנאָדערט ווי אַ בערגל שמאַטעס.

דער זעלנער האָט געקוקט אויף חסן אַבו, אויף די צעשאָטענע פּאָמעראַנצן און ער האָט געזען דעם אָפֿיציר. אַ צענדליק טריט פֿון אים איז ער געשטאַנען. דער אָפֿיציר איז געווען האַלב נאַקעט און געהאַלטן די הענט אויף די באָקעס. ער האָט געקוקט אויף חסן אַבו, אויפֿן זעלנער, געפֿירט זײַן בליק צום אייזל, פֿון פּאָמעראַנץ צו פּאָמעראַנץ, ווי ער וואָלט זיי געציילט, שווײַגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, צוריקגעפֿירט זײַן בליק צום זעלנערס פֿיס און געהויבן די אויגן אַרויף צו:

לגמרי הוא פלט צווחה ארוכה. זו היתה צעקה חסרת בושה. חסן אבו שיחרר בצווחה הזו את כל מה שהיה בו, ולא נשאר בו עוד דבר. הצעקה המעוותת בלבלה לרגע גם את החייל. הקול המשונה הזה בתוך השחר האפור כאילו העיר בו זיכרון מסוים – מתי הוא שמע קול כזה? מתי זה כבר קרה? הוא הביט מטה אל חסן אבו, שלאחר הצעקה שב ונפל לאדמה, ונשאר לשכב שם, מצונף כערֵמת סמרטוטים.

החייל הביט בחסן אבו ובתפוזים המפוזרים, וראה את הקצין. הוא עמד עשרה צעדים ממנו. הקצין היה עירום למחצה, וידיו על מתניו. הוא הביט בחסן אבו, בחייל, הפנה מבטו לחמור, עיניו עברו מתפוז לתפוז כאילו ספר אותם. הוא נענע את ראשו בשתיקה, הפנה חזרה את מבטו לעבר רגלי החייל, והרים אליו את עיניו:

"מה המהומה הזאת באמצע הלילה?" הוא שאל.

החייל לא ענה. הוא הצביע על חסן אבו במקום שבו שכב – ערמת סמרטוטים. הוא לא אמר דבר. הוא לא היה צריך להתנצל בפני הקצין. הוא לא היה צריך להתנצל בפני איש. לרגע הוא חשב כי מה שהתרחש עכשיו כבר קרה פעם ושזו רק חזרה קטנה. כך היה צריך להיות. הוא חיכה לזה זמן רב. החייל התמלא בתחושה טובה ומרוממת, כמשוחרר ממשא שהעיק עליו מכבר, ועכשיו השליך אותו מעליו. הוא פסע לאחור, הרים תפוז וזרק אותו אל הקצין:

"תפוזים טובים" הוא אמר.

הקצין לא זז ממקומו. רק כשהתפוז הגיע אליו, בשבריר השנייה האחרון, מבלי להוריד את ידיו ממותניו, הוא סובב הצדה את החלק העליון של

"וואָס פֿאַר אַ געוואַלדן אין מיטן נאַכט?" האָט ער געפֿרעגט.

דער זעלנער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אָנגעוויזן איוף אַבו חסן ווו ער איז געלעגן – אַ בערגל שמאַטעס. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך נישט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן. אַ רגע האָט ער געמיינט, אַז דאָס, וואָס איצט איז געשען האָט שיון אַ מאָל פּאַסירט און ס'איז בליוז אַ קליינע איבערחזרונג. אַזיו האָט עס געדאַרפֿט זייַן. אַז ער האָט שיון לאַנג געוואַרט איוף דעם. דער זעלנער האָט זיך דערפֿילט גוט און איופֿגעהייַטערט, ווי באַפֿרייַט פֿון אַ משׂא, וואָס האָט שיון לאַנג געדריקט איוף אים, און איצט האָט ער עס פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן. ער איז אָפּגעגאַנגען הינטערווייַלעכץ, איופֿגעהויבן אַ פּאָמעראַנץ און צוגעוואָרפֿן דעם אָפֿיציר:

"גוטע פּאָמעראַנצן" האָט ער געזאָגט.

דער אָפֿיציר האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. ערשט ווען דער פּאָמעראַנץ איז דערפֿלויגן צו אים, האָט ער, אין לעצטן שפּליטער פֿון אַ רגע, נישט אַראָפּנעמענדיק די הענט פֿון די באָקעס, אַ דריי געטאָן אין אַ זייַט דעם אייבערשטן טייל פֿון זייַן גוף און דער פּאָמעראַנץ איז פֿאַרבייַגעפֿלויגן. דער זעלנער און דער אָפֿיציר האָבן געקוקט ווי דער פּאָמעראַנץ האָט זיך געקאָלערט אויף דער ערד און געבליבן ליגן שטיל אין אַ גריבל לעבן אַ שטיין.
"דו, הורנזון," האָט דער אָפֿיציר געזאָגט צום זעלנער און ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס סאָפּען פֿון אייזל, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ און אָנגעשפּיצטע אויערן. ער האָט געסאָפּעט שנעל און שווער, ווי אַ קליינער ווינט וואָלט געפֿייַפֿן אין זייַנע געדערעם.
דער זעלנער האָט אָנגעהאָנגען די ביקס אויף זייַן אַקסל און געקוקט אויפֿן הימל, דאָרט ווו ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.
ער האָט פֿאַררוקט די הענט אין די קעשענעס.

גופו והתפוז חלף לידו. החייל והקצין הביטו כיצד התפוז מתגלגל על האדמה ונעצר לנוח בשקט בתוך גומה ליד אבן.

"אתה, חתיכת בן-זונה," אמר הקצין לחייל ונעלם.

בתוך הדממה נשמעה התנשפות החמור אשר עמד בראש זקור ובאוזניים דרוכות. הוא התנשם מהר ובכבדות, כאילו רוח קטנה שורקת במעיו.

החייל תלה את הרובה על כתפו והביט לשמיים, למקום שבו החל היום להפציע. הוא תחב את ידיו לכיסיו. "אתה, חתיכת בן-זונה," הוא חיקה את הקצין, ונתן בעיטה לְאחד התפוזים. הוא הלך בין עצי הזית העתיקים, אשר צמחו גרומים ומעוקמים. גזעיהם התפתלו ונכרכו זה בזה כבכאב. היה נדמה שכאשר הייתה החורשה צעירה עדיין, התפרצה רוח סערה אל בין העצים ועיקמה ושברה, עיוותה וכופפה ענפים וגזעים.

אמנם השברים התאחו עם הזמן, אך הם נשארו גרומים ועקומים, מפותלים בסבב פרוע, כאילו רוח הסערה עדיין תססה בעורקיהם.

"דו, הורנזון," - האָט ער נאָכגעקרימט דעם אָפֿיציר און אַ קאָפּע געטאָן אַ פּאָמעראַנץ. ער איז געגאַנגען צווישן די אַלטע איילבערטן, וואָס זענען געוואַקסן קנאָכיק און פֿאַרקרימט. זייערע שטאַמען האָבן זיך געפֿלאָכטן און געוויקלט ווי אין ווייטיק. אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז ווען דאָס וועלדל איז נאָך גאָר יונג געווען האָט אַ שטורעמווינט זיך אַרייַנגעריסן צווישן דיביימער און אויסגעלענקט און צעבראָכן, צעדרייט און צעבויגן צווייַג און שטאַם. די ברוכן זענען פֿאַרוואָקסן געוואָרן, נאָר אַזוי זענען זיי שוין פֿאַרבליבן – קנאָכיק און קרום, פֿאַרוויקלט אין אַ ווילדן געפֿלעכט, ווי דער שטורעמווינט וואָלט נאָך אַלץ געיוירט אין זייערע אָדערן.



Olive Trees with Yellow Sky and Sun, Vincent van Gogh, 1928

---



**עדי מהלאל** הוא פרופסור אורח ללימודי יידיש באוניברסיטת מרילנד. ספרו The Radical Isaac: I. L. Peretz and the Rise of Jewish Socialism ייצא בהוצאת SUNY בתחילת 2023. עדי לימד גם באוניברסיטת קולומביה ובמכון ייִוואָ, ופרסם מאמרים ותרגומים בעברית, באנגלית, וביידיש.